11 דאָס האָב איך גערעדט צו אייַך, כּדי מייַן פֿרייד
זאָל זייַן אין אייַך, און אייַער פֿרייד זאָל ווערן
12 פֿול. דאָס דאָזיקע איז מייַן געבאָט, אַז איר זאָלט
ליב האָבן איינער דעם אַנדערן, ווי איך האָב
13 אייַך ליב געהאַט. קיינער האָט נישט קיין גרעסערע
ליבע ווי די דאָזיקע, אַז ער זאָל אַנידערלייגן זייַן
14 לעבן פֿאַר זייַנע פֿרייַנט. איר זענט מייַנע פֿרייַנט,
15 ווען איר טוט, וואָס איך בּאַפֿעל אייַך. איך רוף
אייַך מער נישט קנעכט, ווייַל דער קנעכט ווייסט
נישט וואָס זייַן האַר טוט; איך רוף אייַך אָבער
פֿרייַנט, ווייַל אַלץ, וואָס איך האָב געהערט בּייַ
16 מייַן פֿאָטער, האָב איך אייַך צו וויסן געטון. נישט
איר האָט מיך אויסדערווײלט, נאָר איך האָב אייַך
אויסדערווײלט, און אייַך בּאַשטימט, אַז איר זאָלט
גיין און בּרענגען פּירות, און אַז אייַערע פּירות זאָלן
בּלייַבן; כּדי וואָס איר וועט בּעטן דעם פֿאָטער אין
17 מייַן נאָמען, זאָל ער אייַך געבן. דאָס בּאַפֿעל איך
אייַך, כּדי איר זאָלט ליב האָבן איינער דעם אַנדערן.
18 אויב די וועלט האַסט אייַך, ווייסט איר, אַז זי האָט
19 מיך, קודם כּל, געהאַסט פֿאַר אייַך. אויב איר וואָלט
געווען פֿון דער וועלט, וואָלט די וועלט ליב געהאַט
דאָס, וואָס איז איר אייגנס; ווייַל אָבער איר זענט
נישט פֿון דער וועלט, נאָר איך האָב אייַך
אויסדערווײלט פֿון דער וועלט, צוליב דעם האָט
20 די וועלט אייַך פֿייַנט. געדענקט דאָס וואָרט, וואָס
איך האָב אייַך געזאָגט: אַ קנעכט איז נישט
גרעסער ווי זייַן האַר. אויב מען האָט מיך גערודפֿט,
וועט מען אייַך אויך רודפֿן; אויב מען האָט
געהאַלטן מייַן וואָרט, וועט מען אויך אייַערס האַלטן.
21 אָבער דאָס אַלץ וועט מען אייַך טון צוליב מייַן
נאָמען, ווייַל זיי קענען נישט אים, וואָס האָט מיך